בעזר ה' יתברך ויתעלה

# קונטרס

# כרוזים, מודעות ואזהרות
# בענין אכילת בשר-בהמה

הוצאתי לאור עולם בחמלת ה' עלי
**שלום יהודה גראס**
**אבדק"ק האלמין יצ"ו**

אדר שנת תשנ"ח לפ"ק

# מפתח לספר כרוזים, מודעות ואזהרות בענין אכילת בשר בהמה


**מודעה א׳** בי״ד צדק דקהל האלמין - שאלות ותשובות פאר די הונדערטער אנפרעגער ...... א

**מודעה ב׳** בירור דברים אל הקהל החרדי ...... י

די שטאָט גייט כאָדאָראָם צוליב דעם אַלטן שוחט ביי די חרדישע שחיטה פון בהמה-פלייש ...... י

נירבאַטער רב אָפּגעזאָגט פון צו זיין רב המכשיר ...... י

וואָס האָט פּאַסירט פרשת בהר - אייר תשמ״ט ...... יא

אידן עפנט אויף די אויגן באַצייטנס ...... יג

**מודעה ג׳** דאָס לעצטע מויער איינגעבראָכן - ביי דער שחיטה פון ״אָל סיטי פּאָלטרי״ - ״נאָרט 4״ ...... יד

**מודעה ד׳** אָנווייזונגען ווי אַזוי אַ משגיח האָט אַמאָל אויסגעזען ...... טז

שאלות ותשובות פון האלמינער רב ...... יט

**מודעה ה׳** אויפרוף פאַר אַלע יונגע מורי הוראה ...... כד

יעדער זאָל געפינען די פּאסיגע אנטווארט וואָס ער וואָלט געוואָלט וויסן.

**א. פראַגע:** ווען די מעשה האָט פּאַסירט, האָט מען כאָטש אַרויסגעוואָרפן אַלע פליישן פון יענעם טאָג?

**ענטפער:** אַזוי האט די גאס געשמועסט, אבער להלכה איז זייער שווער זיך צו פארלאזן אויף דעם ווייל עס איז נישט געווען קיין ספעציעלער שליח מיוחד פון רב המכשיר צו זעען אויב עס ווערט דורכגעפירט זיין באפעל, און כידוע האט גאנץ קרית יואל מיט 95% וויליאמסבורג יענע וואך נישט געגעסן קיין בהמה פלייש.

**2. פראגע:** איז דאָס געווען אַ נייער שוחט אַ לא-יוצלח'ניק, אדער נישט?

**ענטפער:** איידער אַ שוחט וואָס שעכט שוין פון סאַמע אָנהויב העכער 30 יאר און איז געווען דער "ראש השוחטים" יארן לאנג דער פאקטישער ווארט-זאגער אין אלעם וואָס געהערט צו שחיטות ובדיקות, צ.ב.ש. וויפיל שוחטים מען דארף, וויפיל בודקים, ווי שנעל מעג מען שחט'ן און בודק זיין.

**3. פראגע:** ווי אַזוי קען זיין, אַז די שוחטים ובודקים האבן געוואוסט און געמאכט אַ שווייג.

**ענטפער:** לויט ווי די שוחטים גיבען איבער פלעגט דער ראש השוחטים ווארפן אַ מורא-דיגן טעראר, אַז מען האט געציטערט אימת מות צו עפענען אַ מויל. עטליכע מאל האָבן זיי פּראבירט צו רעדן מיטן רב המכשיר, ווען דער רב האט פּרובירט

# קונטרס
# מודעות ואזהרות
# בענין אכילת בשר-בהמה

## מודעה א'

### בית דין צדק דקהל האלמין פאַר די הונדערטער אָנפרעגער

מיר זענען נישט בכח אָנצורופן אָדער צוריק-צו-שרייבן פאַר די אַלע אנפרעגער וואס האבן זיך לעצטנס אינטערעסירט וואָס איז געווארן דער סוף פון דעם שוחט בהמות וועלכן מען האט געכאפט יעצט סוף ווינטער מען זאָל אים נישט קענען באזייטיגן. אַזוי ארום איז געווארען אַ מיש-מאש פון נבילות מיט כשר'ס, די מעשה האט אויפגערודערט די שוין סייווי פארצווייפלטע וועלט וועגען דעם כשרות מצב ביי בהמה פלייש — און עס איז אנטשטאנען אַ שטורעם אַזוי אַז היינט צו טאג איז שווער — און באמת שווער — צו טרעפען אַ ערליכע היימישע שטוב וואָס נוצט נאך בהמה-פלייש — הודו לד' כי טוב כי לעולם חסדו.

צענדליגע פראַגן זענען געפרעגט געוואָרן, דעריבער זענען מיר געצוואונגען אָפצוענטפערן אין דרוק און מפרסם זיין ברבים אַ כללות'דיקן ענטפער פאַרן ברייטן ציבור צו אַלע פאַראינטערעסירטע, און

איינטענה'ן מיטן ראש השוחטים אַז די שוחטים רעדן זיך אפ, האט ער אריבערגערופען דעם רב אין שלאכט-הויז און אויסגעשורה'ט די שוחטים שרייענדיג: ווער האט אַ באקלאג אויף די שחיטה זאָל זאגן. די שוחטים זעהנדיג וואָס דאָ גייט פאר זענען געבליבן פארשטומט.

4. **פראגע:** ווי אַזוי קענען שוחטים זיצען אויף אזא פלאץ יארן און שווייגען?

**ענטפער:** ערשטנס האבן מיר זיך אינטערעסירט און במשך די יארן זענען שוין א סאך שוחטים ובודקים אוועק פון דער שחיטה, און אסאך פארצייטישע פון דער אלטער היים האבן נישט געוואלט אפילו אנהויבן שחט'ן.

דאָ האט איר עטליכע לשונות פון שוחטים וואָס מיר האָבן אליין געהערט פון זיי: 1. "ליידער דער נסיון הפרנסה איז זייער גרויס". 2. "איך וואלט שוין לאנג אוועק נאר איך האב מורא פון טעראר". 3. "גלויב מיר אינעווייניג וויינט מיין נשמה יעדן טאג". 4. "איך האב נישט קיין חרטה אויף יענע בהמה וואס איך האב נישט געשחט'ן". 5. "מיינע קינדער וועל איך בשום אופן נישט לאָזן זיין קיין שוחטים". 6. "אשרי חלקם פון די וואָס אַרבעטן נישט ביי שחיטה".

5. **פראגע:** נו ווי אַזוי קען דאָס הייסן "ירא שמים מרבים" וואָס אַ שוחט און בודק דארפן האבן?

**ענטפער:** מיר ועלן פרעגן אַ גרעסערע קשיא: ווי אַזוי קענען שוחטים וואס היטן זיך נישט די אויגן בפרט זומער, און היטן נישט דאָס מויל פון פאליטיק,

לשון הרע, קללות, און ברענגען אום די פרייע צייט מיט פאליטיק (מען זעהט זיי נישט ביי אַ ספר קיינמאל), זייער דאווענען איז פיל ווינציגער ווי אַ פויער אין דער היים, זייער אפגעהיטנקייט אין שטוב מיט כשרות איז שוואך — דאך ווערן זיי אנגערופן "ירא שמים מרבים".

**6. פראגע:** אלא מאי ווי אזוי גייט דאָס?

**ענטפער:** אלעס גייט לויטן קאפ. די מכשירים זענען נישט צו קלויבעריש ביים קלייבן אַ שוחט, אדער ווייל עס איז אַ מאנגל אין ערליכע שוחטים, אדער ווייל די מכשירים זענען אליין נישט גענוג ווארעם און אויסגעהאלטן אין די זאכן וואס אפילו אַ שוחט דארף זיין אפגעהיטן.

קלארער צו פארשטיין דאָס ענין:

אמאליגע צייטען איז דער רב פון שטעטעל געווען אַ אויסנאם איד מיט תורה, פקחות און יראת שמים. דאָס יראת שמים האט אראפגעשיינט פון געזיכט און אנטלאפען פון רבנות נאר געוואלט זיצען אין אַ ווינקעל און דינען דעם אויבערשטען. אט די אידען האט מען פון הימעל געצוואונגען צו ווערן רועי ישראל ומנהיגי העדה. זיי האָבען געברענט קעגען יעדע עוולה ופירצה, גוזר געווען גדרים, מתקן געווען תקנות און געהאלטען דעם עולם אין די ראמען.

ווען עס איז געקומען אויפצונעמען אַ שוחט האָבען זיך געמאלדען 40-50 קאנדידאטן. פון די האט דער רב מיט די קהלה אויסגעקליבען דעם שענסטען און בעסטען אידען וואָס איז געווען אריינגעטוהן אין

תורה מיט תפלה. האַרציגע איידעלע אידען מיט איידעלע שפראך און אפגעהיטענע אויגען מיטן מויל, די זענען געווארען די שוחטים. אויב מען האט געכאפט, אַז דער איד פארפעלט אַ מקוה אדער אפילו מזלזל אין אַ קליינעם מנהג ישראל, כ"ש אויב ער האט געשפעטיגט אמאל תפלה בצבור אדער פאליטיזירט אין מקוה אדער אנדערשוואו, איז דאָס שטעטל געגאנגען אויף רעדער. דער תמימות'דיגער כלל ישראל, אפילו פשוט'ע אידען, האָבען געשריגען, אַז דאָס פלייש פון אזא שוחט איז זיכער מטמטם דעם מוח.

דער שוחט האט געהאט הונדערטער אויגען נאכפאלגענדיג אים אויף טריט און שריט. אויב ער איז געזעסן ביי א נאכטמאל און געהערט זינגען דעם גראמאפאן (אַזוי ווי היינט אַ "טעיפ-רעקאָרדער") און דער שכן האט דאָס באמערקט, איז די שטאט געגעאנגען כאדראם. אַ שוחט האט מען געוואוסט איז אַ איד צום לערנען און דאווענען דורכגעווייקט מיט יראת שמים און איידעלקייט.

מיט דעם צוזאם האט דער רב זיך נישט פארלאזט אויף אים. נאר געשטעלט אַ ערליכען משגיח וואָס זאָל בודק זיין די חלפים, און זאָל אבזערווירען די שחיטה ובדיקה. דערצו פלעגט דער רב אריבערקומען פלוצלינג אין שלאכט-הויז און זעהן וואָס טוט זיך. נאכדעם האט ער פארלאנגט דער שוחט זאָל אים ווייזען דעם חלף כאטש איינמאל אַ חודש.

מיר זאגען אפען, הלואי זאָל די יראת שמים מיט איידעלקייט פון אַ היינטיגען רב זיין לכל הפחות ווי אמאל אַ משגיח!!!

לאמיר זעהן וואס טוט זיך היינט; ווי אַזוי זעהט אויס די אויגען, דאָס מויל, די אויערן, דאָס עניוות, דאס אנטלויפען פון פרסום און כבוד (וואָס ברענגט אלע צרות מיט פאליטיק), דאָס דאווענען, דאָס לערנען יומם ולילה, דאָס איידעלקייט, די שיינענדיגע יראת שמים פנימ'ער, דאָס פקחות, דעם פחד פאר אַ נדנוד חטא, דער שרעק אויב אידען עסן וואס מען טאר נישט — פון די היינטיגע רבנים מכשירים??? איז ווי אַזוי קען מען ערווארטען דעם מורא'דיגן ברען ביים אויסקלייבען אַ שוחט. און אפילו דער רב זאָל וועלן זיין קלויבעריש, איז ער דאך מיט זיין פרנסה אין די הענט פון קצב און דער קצב שרייט: עס איז אַ מאנגעל אין שוחטים, נעם אויף שוחטים ווייל די ביזנעס גייט באנקראט!!!

צו דעם קומט נאך צו לשבחם פון די היינטיגע ערליכע יונגעלייט, אַז הערנדיג און פארשטייענדיג דעם הלוך ילך פון מצב השחיטה, היינו ווי אַזוי דער גאנצער חד גדיא פון אונטען ארויף — זאלצער, מנקר, בודק, שוחט, משגיח, מכשיר — ווערט אלעס אנגענומען אויף איין גרויסען צויבער-ראד וועלכעס ליגט ביים קצב אין די הענט און ער דרייט דאָס ארום מיט אַ גאלדענעם הענטעל (גאלד — געלט — געלט — גאלד), אנטלויפען זיי פון די פרנסות און זוכען זיך בעסערע גליקען. וואָס פעלט אים אויס אַז מען זאָל

אים אין ביהמ"ד אראפקוקען אַזוי ווי מען קוקט היינט אויף אַ סאך בהמה שוחטים.

דערצו האָט ער דעם מצב פון הייליגען דברי חיים'ס (צאנזער רב'ס) ווערטער, אַז שחיטה דרייט אויס דעם גאנצען מענטש פון ערליכקייט צו קלות, און די מורא'דיגע אחריות פון פיטערן טויזענטער אידען טאג טעגליך מיט פלייש. דעריבער אנטלויפט מען דערפון ווי פון אַ לייב, און בלייבען בלויז די שוחטים קאנדידאטען שוואכע עלעמענטען.

נאכדעם איז דאך היינט באנקראט דאָס ענין פון השגחה (זעה דאָס ארטיקעל "ווי אַזוי האט אַ משגיח אויס געזעהן"). די משגיחים באקומען געהאלט פון קצב — זיי זענען געהעריגע ארבעטער — שוואכע עלעמענטען — פארשטייען צום שלאכט-הויז ווי דער האן צו בני אדם — אפילו ווען זיי טרעפן עפעס איז נישטא צו ווען צו רעדן, — עס איז נישטא קיין קאנטראל וואָס געשעהט ווייטער.

קורץ און קלאָר: אַמאָל האָבן די שטאָט-לייט ערליכע אידן אויפגענומען אַ רב וואָס זאָל פירן די שטאָט בדרך התורה והיראה און מתקן זיין אַלע פראָבלעמען און אַכטונג געבן אויף כשרות פון עסן, מקוה און עירובין.

אַמאָל איז דער רב המכשיר געווען אַ צדיק, געטוהן זיין פליכט באמונה — נישט באקומען געהאלט פאר השגחה — געזוכט אַ שוחט ת"ח ירא שמים מצוין — געשטעלט ערליכע פארלעסליכע משגיחים (וואָס די היינטיגע רבנים קענען זיך

פארשטעקן פון זייער איידעלקייט מיט מורא פון אן עבירה) — און אליינס געגאנגען אין שלאכט-הויז פלוצלינג זייער אפט (און אויב ער האט געזעהן אַז דער שוחט טוט א פעלער, האט ער באלד מתקן געווען דעם מכשול).

קען זיך אַ איד אשר בשם ישראל יכונה אריינעמען אין שטוב אַ שטיקעל בהמה פלייש???

**פראגע:** וואָס איז געווארען דער סוף מיט'ן מאכיל-נבילות-שוחט?

**ענטפער:** נאך אלע גביית עדות, ווען אלעס איז געווען קלאר, האָט דער רב המכשיר אים מעביר געווען, אָבער באַלד איז געקומען אַ שטרענגער "באפעל פון אויבען", אַז מען טאר אים נישט מעביר זיין (טייל זאגען אַז ער איז אַ שותף אויף פראצענטן). איז ער געווארען אַ בודק חוץ.

**פראגע:** איז דאָס גלאטיג צו עסן פלייש פון אזא בודק?

**ענטפער:** די זאך גייט נאך טיפער און נאך אזא געשעהניש צו וועלכע ס'רוב שוחטים זענען געווען דערביי און זענען לעבעדיגע עדות, קען זיך דער רב המכשיר נישט אן עצה געבן. און כאטש ס'איז קעגן אלע פוסקים צו לאזען אזא שוחט אנגיין מיט די ארעבט. גייט ער ווייטער אן מיט דער ארבעט און דער רב המכשיר איז ווייטער מכשיר. וויפיל ווערט קען שוין האבען אזא הכשר?? אַ צווייטן מאָל וועט ער שוין בכלל זיך נישט זוכן קיין בויך-ווייטאג און אום-כבוד.

דאס האָבען מיר פריער געמיינט אַז דער היינטיגער רב המכשיר קען זיך פארשטעקען מיט זיין יראת שמים פאר אַ פשוט'ען תמימות'דיגען איד אין דער אלטער היים!!!

ווי עס הייסט, האָבן די "אָ-יו"-מכשירים זיך אַריינגעמישט, אַז זיי וועלן נישט קויפן פון פלייש פון דער שלאַכט-הויז אַזוי לאַנג ווי עס אַרבעט דאָרט דער מאכיל-טריפות. פאַר דעם האָט זיך שוין וויינשטאָק דערשראָקן. עס איז נאָך נישט קלאָר, וואָס עס וועט זיין די מסקנא, נאָר פון דער ביטערער פראַקטיש זענען מיר דערפאַרן, אַז עס איז נישט אכשר דרא, און די אַנשי מאכילי נבילות וטריפות קצבים, שותפיהם של עמלק וועלן זיגן מיטן חותם המלך בראשינו.

בס"ד.

# מודעה ב'

## בירור דברים
## אל הקהל החרדי!!!

**די שטאָט גייט כּאַדאָראָם**
**צוליב דעם אַלטן שוחט ביי די חרדי'שע בהמה-פלייש שחיטה**

## נירבאַטער רב אָפּגעזאָגט פון צו זיין רב המכשיר!!!

צוערשט אין קורצען פון פריער:

פאר אַ צוויי יאר בערך האט מען געכאפט ביי די בהמה שחיטה אַ לאנגיעריגען שוחט מיט אַ פגום'דיגען חלף. דעם שוחט האט דאס נישט געשמעקט. האט ער גענומען זיינע אפגע'שחט'נע בהמות און אויסגעמישט מיט די כשר'ע. דאָס האט פאראורזאכט אַ מעכטיגען שטורעם אין שטאט. פרישע הונדערטער משפחות האבען אויפגעהערט עסען פלייש, די מכשירים זענען געווען געצווינגען מעביר צו זיין דעם שוחט.

קורץ דערויף דורך די השתדלות פון אַ גרויסען רבי'ן (דער רוקענביין פון בהמה שחיטה די לעצטע 20

יאר) האט מען איהם צוריק גענומען צו בדיקת חוץ, און לעצטענס אויך צו בדיקת פנים (קעגען דעם רצון פון בעל המכשיר דער נירבאטער רב שליט"א).

## און איצט לייענט וואָס האָט פּאַסירט די וואָך פּרשת בהר — אייר תשמ"ט.

דער נירבאטערער רב שליט"א (וועלכער גיט דעם הכשר אויף בהמה שחיטה), האט פארלאנגט עס זאָל זיין אַ ווידעא ביי די שוחטים, מען זאָל קענען איבערווייזען זייער ארבעט פון אונטער די קוליסען. דער אלטער שוחט האט פראטעסטירט און דער מכשיר הרב ראטה האט דעם שוחט גערעכט געגעבען.

איז געגאנגען דער נירבאטערער רב שליט"א און באין ברירה געמאכט אַ לאך צו קענען אריינקוקען צום שוחט פון אַ צווייטען שטיב. און שווארץ איז איהם געווארען פאר די אויגען, זעהנדיג דעם אלטען שוחט מכשיר זיין נבילות וטריפות איינס נאך איינס. ער האט אויפגעהויבען אַ ווי געשריי קעגען דעם שוחט ער זאָל זאפארט אפלאזען די שחיטה.

בו ביום האט דער אויבענדערמאנטער גרויסער רבי געלאזט רופען דעם נירבאטערער רב שליט"א צו זיך אויף מאנרא, אויסגעהערט די מעשה, און ארויסגעטראגען זיין שארפען פסק: דער שוחט זאָל בלייבען, נאר דער נירבאטערער רב שליט"א זאָל זיך אוועק פון דער שחיטה!!! (שווער צו דערמאנען זיך אפילו ביי די נעאלאגען אזא פסק הלכה...).

טייל זאגען אַז צו דעם פסק איז צוגעשטאנען דער צווייטער רב המכשיר הרב ראטה שליט"א.

אויף דער פראַגע צו דעם ראש הקצבים, פאַרוואָס עס לוינט אים זיך אָנצורייסן מיטן עולם צוליב אַ שוחט מאכיל נבילות וטריפות, האָט ער געענטפערט, אַז וויליאַמסבורג עסט שוין כמעט קיינער נישט קיין פלייש, אים איז נאָר וויכטיק גאַנץ אַמעריקע, און צו דעם איז דער שוחט אים זייער גוט (רח"ל).

עלובה העיסה וואָס דער נחתום איז מעיד אויף איר, אַז ער איז בשאט נפש מאכיל טריפות.

וועלכער איד וועט זיך נאָך נאָך דעם אַלעם טרויען אָנצורירן זיינע טריפה'נע נבילה-פלייש?

און וואָס איז מיטן געוועזענעם בעל המכשיר (היינט אַ גרויסער רבי), וואָס אויף זיין סמך האָט מען אַזויפיל יאָרן געגעסן דאָס פלייש ביז צום היינטיקן טאָג וואָס ער נעמט זיך אַלץ אָן על כל דבר פשע, ועל כל פשעים תכסה אהבת כסף (ודו"ק).

און אפילו אין אַ צייט וואָס עס איז נתגלה קלונם פון די שחיטה ברבים איז דער רבי דער איינציקער (מיט זיינע צוהעלפער) זיך אָנצונעמען פאַר די קלים וריקים רח"ל.

מורי ורבותי!!! מיר האָבען געווארענט צוויי יאר צוריק איר זאלט זאפארט אפשטעלען דאס עסען די בהמה-פלייש, ווייל חאטש מען האט באזייטיגט דעם שוחט, ווייזט די היסטאריע אַז דער בעל דבר רוהט נישט און משכן כבודו איז ביי די שחיטה.

אט זעהט איר, די אלע וועלכע האבען דאמאלטס אויפגעהערט עסען, קענען זיך נישט גענוג אפדאנקען וואס זיי האבען פארמיטען נבילות וטריפות פון זיך און די קינדער!!!

דער אלטער שוחט שעכט שוין בערך 40 יאר, און איז געווען דער ראש השוחטים, וואָס מיינט פארשטיקען דעם וויי-געשריי פון די שוחטים וואס בעטן פרישע כוחות צו די שחיטה, און פארשטיקען יעדע פראטעסט פון דער גאס קעגען מצב השחיטה. דאָס אַליין איז דער בעסטער באַווייז אויף דער הפקירות, און ווי כשר גערעכט זענען די מערערים אויפן גאַנצן שחיטה-סיסטעם. און ליידער איז ער נאך מצליח עד היום הזה. ה׳ישמרנו.

## אידן עפנט זיך די אויגן באצייטענס!!!

נחגור נא עוז להלחם מלחמת ה׳ נגד בוגדים ומורדים במלכות שמים אלו. ויהא רעוא שיקודש שם שמים על ידינו, עזרינו אלקינו על דבר כבוד שמך, ונזכה לגאולה שלמה בביאת ינון בב״א.

וע״ז באעה״ח יום ג׳ שנכפל בו בי טוב לסדר ויראת מאלקיך, חודש אייר תשמ״ט לפ״ק.

**הק׳ שלום יודא גראס**
**אבדק״ק האלמין יצ״ו**

# מודעה ג׳

## חודש הרחמים והסליחות שנת תשמ״ט לפ״ק

## *דאָס לעצטע מויער איינגעבראָכן*

דאָס וואָס איז ביז היינט באקאנט געווען אלץ דאָס איינציג געבליבענע פלאץ וואו כשרות איז אויף די העכסטע מדרגה, און די חשוב'סטע רבנים און בעלי בתים האבען מסכים געווען צו צאלען דאפעלט ווי מען צאלט איבעראל, כדי צו האָבען עופות פון דעם דאָזיקן מארקעט (וואָס ווערט גערופען ״אָל סיטי פאָלטרי״, אדער ״נאָרט 4״), און צענדליגער אידן זענען אַליין געגאַנגען שטיין בשעת'ן שחט'ן זייערע עופות, איז דאָס איצט אויך ליידער שטארק געפאלען אין צוויי הינזיכטען.

דאָס ערשטע: אַז מען שעכט 600 עופות אדער מער אַ שעה, דאפעלט ווי עס פלעגט זיין, ווייל די עופות פארן אויף אַ קייט. צווייטנס: ווייל דארט ארבעטען ווילדע גויים וואָס שלעפען די עופות פון שוחט ווילדערהייט, און עס פאסירט אפט אַז מען שלעפט דעם עוף בשעת שחיטה. דעמאלס קומט אויס אז דער גוי וואס שלעפט דעם עוף בשעת שחיטה, ער העלפט צו צו די מעשה השחיטה, וד״ל. אויך דורך די שנעלקייט פון די שחיטה דארף מען בודק זיין דעם חלף איילענדיג.

מיר דארפן זעהן, אַז די איינציגע שחיטה ביי אונז אין וויליאמסבורג זאָל צוריק מתוקן ווערן, אדער זאלן שחט'ן 2 שוחטים אדער זאָל מען נאר לייגען אויף יעדען צווייטען קייטעל, און מען זאָל אוועקשיקען די ווילדע גוים. לכל הפחות ביים שוחט זאָל זיין אַ רואיגער גוי. אַז נישט וועט מען מוזן אויפמאַכן אַ נייע קליינע שלאַכט-הויז פאַר די חרדים לדבר ה', וואָס ווילן זיך נישט מטמא זיין מיט מאכלות אסורות כדי אָנצושטאָפן די בייכער פון די מאכילי נבילות וטריפות.

עס איז געווען צייטן וואס איין שוחט אליין פלעגט שחט'ן אויף דעם פלאץ 8 שעה אין איין צי, א גאנצע נאכט וכו'.

עס איז שוין צייט מען זאָל קובע זיין אין דעם מארקעט אַ משגיח תמידי (נישט דער פלאמבירער, וואס ער איז נישט מער ווי א פשוט'ער ארבייטער) ביים שחט'ן, און ער זאָל בודק זיין די חלפים פאר אלע שוחטים. אויך דארף ער זיין א גרויסער חכם און א ירא שמים, ווייל די בעלי בתים פון דעם פלאץ זענען להכעיס'ניקעס, און זיי זוכן ארייננצומישן די טריפות צווישן די כשר'ע, ווי איך האב דאס שוין איבערצייגט פאר א סאך רבנים.

אויך האט ער אין פרידזשידער א צוגעמאכטע טיר וואו נאר ער קען ארויסגיין, און אזוי מישט ער אויס די טריפה'נע מיט די כשר'ע רח"ל, און קיינער ווייסט נישט דערפון.

**המעוררים**

# מודעה ד׳

## ווי אַזוי אַ משגיח האָט אַמאָל אויסגעזען

אסרו חג השבועות, יום אחר קבלת התורה,
תשמ״ח לפ״ק

לכבוד הגאון הצדיק המפורסם, זוכה ומזכה את הרבים, מו״ה שלום יודא גראס, אבד״ק האלמין יע״א

מען האט מיר אנגעטראגען זיך אומצוקוקן ביי די בהמה שחיטה אלס משגיח. אַזוי ווי איך ווייס אַז איר טוט אין דעם שוין באלד 20 יאר און אסאך שוחטים מיט משגיחים זענען זיך שואל-עצה ביי אייך, וויל איך אייך פרעגן אייער מיינונג.

איך בין אַ סאטמארער חסיד נאך פון פריערדיגען דור חסידים. איך געדענק נאך וואויל ווי אַזוי רבנו הקדוש זצוקללה״ה האט געבלוטיגט אין אלע דרשות און תורה׳ס אַז מען דארף האבען מסירת נפש זיך צו האלטען בדרך האבות. נישט איינמאל איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיטן רבי׳ן וועגן פארשידענע ענינים. ער איז געווען אַ לעבעדיגער ״חובת הלבבות״ און ״ראשית חכמה״. זיין גאנץ חיות איז געווען אַז זיינע תלמידים און חסידים זאלן זיך פירען לויט די תורה, דוקא לויט די מסורה. עס איז ביי אים מער חשוב געווען אַ תלמיד וואָס לערענט תורה און פירט זיך ערליך, אפילו אויב ער קומט נישט צום טיש און

איז נישט קיין סאַטמאַרער חסיד, ווי איידער אַ פראסטער איד וואָס פארפעלט נישט קיין טיש. ער איז געווען דער וואָס מען האט איבערגעלאזט אלס מוסטער פאר אונז צו זעהן וואָס אַ רבי האט אמאל באדייט, איין לאנגע קייט פון מסירת נפש פאר תורה. יעדע זאך וואָס העלפט אויפבויען תורה מיט יראת שמים איז דאָס געווען זיין כלי שעשועים, און פארקערט האט ער געקעמפט ווי אַ לייב.

נאך די הסתלקות פון רבינו הקדוש זצוקלה"ה האב איך מיט אַ גרופע חברים זיך פארגענומען אלס הכרת טובה פאר אונזער רבי'ן און וועג ווייזער, און אויך בעיקר כדי צו קענען בעזה"י אויפציען ערליכע דורות ווייטער, אז מיר זאלען זיך פארטיפען אין רבי'נס ספרים און דרשות און לויט דעם זיך פירען. אלע שקרים און פעלטשערייען וואס ווערן נאכגעזאגט אין זיין נאמען האבען נישט קיין ווערט און בלי ספק אַז עס גיט אים נישט קיין מנוחה אין קבר.

נאך די הקדמה קענט איר זיך פארשטעלן, אַז נאכדעם וואָס מען האט מיר אנגעטראגען דעם פלאן צו ווערן אַ משגיח ביי בהמה פליישען, האב איך אפירגענומען די ספרים פון רבינו הקדוש און בעיון דורכגעלערענט.

צום ענדע בין איך געקומען צום איבערצייגונג, אַז דער היינטיגער איינשטעל פון פלייש-באנק, איינשליסענדיג דעם שוחט, בודק, משגיח, מכשיר, מנקר, מדיח, קצב, א.אַ.וו. איז לויט די שיטה פון רבינו הקדוש זצוקלה"ה גענצליך קארופטירט און

באנקראט. נישטא איינס פון די אלע וואָס זאָל זיין אויסגעהאלטען לויט זיין הדרכה. (זעט ווייטער אויספירליך).

אגב האלט איך און דאָס זעלבע מיינע חברים. אַז בלי ספק איז עס דעם רבינ'ס כח וואָס עס ווערן אנטדעקט טעגליך פרישע מיסברויכען מיט סענסאציעס ביי די פלייש-אינדוסטריע כדי דער עולם זאָל עפענען די אויגען אנהויבען איינזעהן וואס דאָ טוט זיך, און אויפהערען איינמאל פאר אלעמאל מיט די בהמה פליישען. ווי דער רבי שרייבט אין פ' תולדות, אַז דער ס"מ פאַרלייגט זיך אויף מאכלות אסורות זייער שטאַרק היינטיקע צייטן, וויסנדיק דאָס ער האַלט שוין ביים ווערן באַזיגט, און מיט דעם וועט ער אָפּהאַלטן די גאולה ר"ל.

אונז זענען מיר אויך אלע איינשטימיג אַז ווער עס נעמט אהן היינטיגע צייט השגחה, כל שכן "בעל המכשיר" אויף בהמה פלייש, ווייסט דאָס אַז דער ענין פון שכר ועונש, גהינם, מיט שאול תחתית, איז ביי אים איידער קאלט, און די אמונה אין די ענינים איז ביי אים שוואך, ווייל אויב נישט וואלט ער דאָס קיינמאל נישט געטוהן נאך אזעלכע שוידערליכע זאכען וואָס מען הערט היינט, ה' ירחם.

דעריבער וויל איך וויסן בפרטיות אייער חשוב'ע מיינונג און אייער פראַקטיק ביי די אַלע ענינים.

# ענטפער פון האלמינער רב שליט״א

לככוד הרה״ג המפורסם מנה בן מנה . . שליט״א

דאָס וואָס איר זאגט וועגן שיטה הקדושה פון סאטמארער רבי׳ן זי״ע, דאָס איז ביי מיר נישט קיין נייעס. איך האב דאָס פון אים געלערנט פערזענליך, אַז אויב מען טוט אנדערש ווי אין דערהיים, איז אלעס ספק נבילות וטריפות חֵלב ודם. פון דארט ווייס איך, אַז אלעס וואָס מען זאגט אין זיין נאמען אין דער פארקערטער ריכטונג איז פאלש און פארפירעריש.

איך וועל דאָ אַראָפּברענגען אין קורצן ווי אַזוי הכשרים מיט השגחות האָבן אויסגעזהן אינדערהיים.

וואָס האט געמיינט אינדערהיים צו קענען זיין אַ משגיח ווי עס דארף צו זיין?

1. דער משגיח טוט גארנישט נאר אויפזעהער איבער די פליישען (די פלאָמבעס איז אַן עקסטרע מענטש, אונטער זיין אויפזיכט).

2. דער משגיח האט די שליסעל פון שלאכט-הויז און אָן אים קען קיינער נישט אריינגיין. ער עפענט און פארשפארט. דאָס מיינט ער איז דארט אַ גאנצן טאג.

3. דער משגיח איז אַ שליח פון רב. ער ווערט אויסגעהאלטען פון די קהילה נישט פון קצב.

4. דער משגיח האט קיין שום פחד נישט פון קצב אדער אנדעדע בעלי בתים מיט מענעדזשערס, ווייל זיין בעל הבית איז דער רב וועלכער ציטערט פון אַ מכשול מער ווי פון גיהנם.

5. דער משגיח גיט איבער פארן רב פונקטליך וואָס ער האט געזעהן, און האט נישט מורא מען וועט אים ארויסווארפען, ווייל דער קצב איז דער וואָס מוז אנקומען צום רב נאך אַ הכשר. דער רב מוז נישט אנקומען צום קצב, ווייל ער האט זיין באשטימטע געהאלט פון די קהלה נישט קיין חילוק אויב דער פלייש פון קצב איז כשר אדער טריפה.

6. דער משגיח איז אונטער אַ רב אַ גרויסער ערליכער איד וואָס איז שטענדיג אינטערעסירט צו וויסען אלע אייכצעלהייטען ביים שחט'ן און בודק זיין מיט כשר-מאכען, ווייל ער ווייסט די הארבקייטען פון געבן חֵלב, נבילה וטריפה פאר אידען צו עסען. אזא רב איז דאָס גרעסטע חיזוק פארן משגיח גוט נאכצוגריבלען אלעס וואָס גייט פאר. און דאָס איז די איינציגע גאראנטיע אַז אלעס איז בתכלית הכשרות.

7. דער משגיח איז אונטער אַ רב וואָס נאָכן אויסהערן די פראבלעמען איז ער נישט יוצא מיט קרעכצען, נאר טוט צו די זאך דאָס צו פארעכטען.

8. ביי די גרויסע שלאכט הייזער מוזען זיין כאטש 3 משגיחים לויט ווי דער לבושי מרדכי שרייבט אַז דער משגיח מוז קענען האלטן אַן אויג אויף אלעם אין די זעלבע צייט. און דאָ איז עס נישט מעגליך. דערפאר דארף מען 3 משגיחים:

1. ביי דער שחיטה, בודק צו זיין די חלפים.
2. ביי בדיקת פנים, וואָס האלט אויך אַן אויג די חלקים זאלען זיך נישט אויסמישען.
3. ביי בדיקת חוץ. דאָס איז אויסער אַ משגיח אין בוטשער געשעפט.

9. דער משגיח מוז האָבען אַ חשבון וויפיל פלאמבעס ער האט ארויסגעגעבען און בודק זיין אויב מען האט נישט פלאמבירט מער.

10. קיין שום פלאמבעס מיט זיגלען טארן זיך נישט וואלגערען פראנק און פריי, נאר דער משגיח ברענגט און טראגט עס מיט זיך שטענדיג, אדער ער האלט עס אין שלאכט-הויז איינגעשפארט חותם בתוך חותם.

11. דער משגיח מיטן רב דארפען האלטען אין איין טוישען די זיגלעך און פלאָמבעס מיט קינסטלעך פארשטעקטע סימנים כדי מען זאָל נישט קענען פעלשען, און בלויז די משגיחים צווישען זיך זאלען וויסען די סימנים.

12. דער משגיח מוז וויסען ביי זיך אַז ער איז פעהיג צו זיין אַ גוטער פאראנטווארטליכער משגיח, דאָס מיינט קלוג, כיטרע, אַ תקיף, אַ פחדן פון אַ נדנוד חטא, א תלמיד חכם, איש אמת, אָן שום פחד פון אַ בשר ודם.

13. אַן עקסטרע משגיח מוז נעמען חשבון פון ערשטען משגיח וויפיל כשר'ע בהמות זענען געווען יענעם טאג, און אַזוי יעדן טאג. נאכדעם דארף ער ארום גיין אין די בוטשערס אפצייעלן:

1. וויפיל בהמות זענען דאָ, 2. וויפיל בהמות זענען אנגעקומען אין די האטעלן. 3. וויפיל אין די היימען, ישיבות און מוסדות. 4. וויפיל אין די האומס (מושב זקנימ'ס וכדומה). 5. וויפיל אין רעסטאראנען. 6. וויפיל אין קעמפס. 7. וויפיל ביי קעיטערערס. 8. וויפיל אין די עראָפּלאַנען, 9. וויפיל אומזיסט (אלס שוחד) צו רבנים, משגיחים, שוחטים ובודקים, און אַנדערע שיינע אידן. 10. וויפיל זענען געגאנגען צו די שפיטעלער. 11. וויפיל זענען געשיקט געווארן מיט שיפן קיין ארץ ישראל. (בפרט צונגען, לעבער, סוויט בּרעסט'ס, פיסלעך, מוחות, ועוד, וואס אויף זיי איז מען אין א"י די גרעסטע קונים.) 12. וויפיל צונגען מיט סוויט ברעסט'ס זענען ארויס די וואך כשר, און וויפיל שטיק זענען דאָ אין בוטשער און אין די אַנדערע אויבנדערמאָנטע פּלעצער.

14. דער בוטשער געשעפט דאַרף אויך האָבן אַ באַזונדערן משגיח וואָס זיין אויפגאבע זאָל זיין:

1. ער האט די שליסעל צו עפענען און אפשפארען דעם בוטשער, און קיין אנדערער האט עס נישט (אויסער דעם רב).

2. ער איז דארט 3-4 פארטאגס ווען די אנגעלאדענע טראקס מיט סחורה קומט אן. ער באקוקט יעדן שטיקעל פלייש אויב עס האט די ריכטיגע חותמות (וואָס דער שחיטה-משגיח געטרויעט אים אָן).

3. ער באקוקט דעם פרידזשידער אויב זייט נעכטען נאכט ווען ער האט פארלאזט דעם בוטשער איז נישט צוגעקומען קיין פליישען.

4. ער ציילט אפ פונקטליך וויפיל פלייש עס קומט אן און גיט דאָס איבער נאכדעם פארן שחיטה-משגיח (זעה נומער 13) ווייל יענער האט קאנטראל אויב עס געשעהט נישט קיין פעלשערייען.

5. ער קוקט זיך אום אויף ניקור (נאָר אויב ער קען עס — האָט עס אַ ווערט), און זעט עס זאָל זיין אַ מנקר מומחה, אַ איד אַ יר"ש מיט קבלה פון גדולי ישראל, און האָט השגחה אויפן ווייקען, זאַלצען, שווענקן, פאַרפּאַקן און זיגלען.

6. דער משגיח ווערט באצאלט פון רב און דער רב באקומט נישט קיין געהאלט פאר די השגחה.

7. דער רב מיטן משגיח פארמאגען די מעלות וואָס מיר האָבען אויבענדערמאנט ביים שלאכט-הויז.

8. דער משגיח ציילט אפ יעדע נאכט פארן אוועקגיין וויפיל פלייש עס איז געבליבען אין פריזשידער און פריזער. און צומארגענס ווען ער עפענט זעהט ער אויב אלעס איז אין ארדענונג.

דער רב גייט סיי ביים שחיטה, סיי ביים בוטשער (ניקור, מליחה וכו') זייער אָפט און פלוצלונג אָן קיין אַפּאָינטמענט, און האָט אויך די שליסלעך צו קענען גיין אַליין ביינאַכט קאָנטראָלירן.

**היינט צו טאג האט נישט די שחיטה, נישט דער בוטשער – אפילו איינס פון די אויבענדערמאנטע מעלות.**

# מודעה ה'

## אויפרוף פאר אלע יונגע מורי הוראות

אויב מען האט אייך אָנגעטראָגן (אדער מען וועט אייך אנטראגען) צו זיין אַ משגיח אדער מפקח אדער אַ רב המכשיר ביי פליישען, און עס כאפט אייך ארום אַ גרויסען חשק ווייל איר שפירט אַז דאָ קומט אַ גרינגער דאלער, און אפשר נאך אביסעל כבוד און פאבליסיטי, זאלט איר וויסען ווילאנג איר זענט נאכנישט אריין אין דעם, אַז אפילו אויב איר באקומט טאקע אַ פעטען טשעק, אבער מיט דעם פארקויפט איר אייער נשמה.

שטעלט אייך פאר ווען איינער זאגט אייך צו אַ מיליאן דאלער ($1.000.000) איר זאלט אויפעסען אַ כזית נבילה, וואלט איר עס זיכער נישט געטוהן, און אפילו נישט צו געבן פאר אַ צווייטען צו עסען.

איצט שטעלט אייך פאר אין היינטיגע וועלט, ווען יעדן טאג קומען אויף נייע מכשולות ביי די פליישען: רבנים מכשירים פון לאנגע יארען נעמען אראפ די הכשרים, שוחטים ווערן געכאפט רח"ל ביי...; אלטע שוחטים לאזען צוואה פאר זייערע קינדער נישט צו עסען בהמה פלייש, ועל כולם אַ 30-40 יעריגער שוחט וואָס האָט מאכיל-נבילה-געווען, זיצט נאָך היינט צו טאָג ביי דער שחיטה און איז בודק בהמות, ווייל קיינער און ממש קיינער האט אים נישט געקענט אוועקרירען פון פלאץ!!!

יעצט ווילט איר זיך געטרויען אַז אויף אייער געוויסען זאלען צענדליגער טויזענטער אידען אין אַמעריקע, רוב מנין ובנין פון שארית ישראל, דער פאקטישער כלל ישראל הייגט, עסן חֵלב ודם — נבילה — וטריפה אין די מיליאנען כזיתים יארען לאנג און פארקויפען די נשמה מיט די דורות וועגן א פאר דאלער??

ווילט איר וויסען פארוואס די פליישען זעהן אַזוי אויס און פארוואס היינט קען אַ משגיח נישט באטראכט ווערן ווי אַ משגיח אדער אַ רב המכשיר ווי אַ רב המכשיר — זעט דעם ארטיקעל "ווי אַזוי דארף אַ משגיח אויסזעהן?"

און אויב איר וועט פרעגן ווי אַזוי וועט זיין בהמה פלייש פארן כלל ישראל? איז דער תירוץ, אַז די גדולי הדור האָבען מכריע געווען, אַז לויט די סכנות צו וועלכע בהמה פלייש עסערס זענען היינט צו טאג אויסגעשטעלט, פיזיש און גייסטיש, איז יעדער מחוייב עפ"י התורה אפצולאזען די בהמה פלייש איינמאל פאר אלעמאל עד סוף כל הדורות!!! און אַזוי טוען היינט צו טאג ב"ה נאענט צו 10.000 משפחות כן ירבו.

מיר האבען געשריבען באריכות, אַז הארץ קרענק איז דער נומער איינס קרענק וואס הרג'עט יערליך מיליאנען מענטשען. די צוויי גרעסטע סמים פאר הארץ זענען: 1. בהמה פלייש, 2. ציגארעטלעך.

עס מאכט אויך הויכע בלוט דרוק. אלערדזשי (דאָס מיינט אויך היי-פיווער, רויז פיווער, טרי-פיווער. א.אַ.וו.), און יענע מחלה רח"ל.

גייסטיג איז מען איינגעשטעלט מיט איסור כרת פון חלב, און אויך נבילה וטריפה חֵלב ודם וואָס פארשטאפט יידער די אידישע הערצער.

עס זענען היינט צו טאָג דאָ פאַרשידענע מאכלים וואָס זענען רייך אין אַלע וויטאַמינען און מינעראַלן, נאָך מער ווי פלייש, און יענע מאכלים האָבן נישט קיין שום שעדליכקייט און קעמיקעלס, פעטן, און זיי גיבן געזונט און כח, אָן שום חשש כשרות.

פאַרוואָס זאָל מען איינשטעלןביידע וועלטן אויף גאָרנישט?!

אין זכות פון ביישטיין דעם נסיון זאלט איר געהאלפען ווערן מיט גרינג פרנסה, מיט נחת און כל טוב עד ביאת גו"צ בב"א.